בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת בא תשע"ז

גליון 395 [שנה ט']

**פארוואס איז ארבה געווען א שווערע מכה פאר פרעה?**

וְאָכַל אֶת־כָּל־הָעֵץ הַצֹּמֵחַ לָכֶם מִן־הַשָּׂדֶה: וּמָלְאוּ בָתֶּיךָ וּבָתֵּי כָל־עֲבָדֶיךָ וּבָתֵּי כָל־מִצְרַיִם וַיַּעַל הָאַרְבֶּה עַל כָּל־אֶרֶץ מִצְרַיִם וַיָּנַח בְּכֹל גְּבוּל מִצְרָיִם וְעַתָּה שָׂא נָא חַטָּאתִי אַךְ הַפַּעַם וְהַעְתִּירוּ לַה' אֱלֹקֵיכֶם וְיָסֵר מֵעָלַי רַק אֶת־הַמָּוֶת הַזֶּה: (י' ה–י"ז) עס איז דא עטליכע דיוקים: איינס אז עס שטייט אין פסוק (ה') וּמָלְאוּ בָתֶּיךָ וּבָתֵּי כָל־עֲבָדֶיךָ וּבָתֵּי כָל־מִצְרַיִם, אז די אַרְבֶּה וועלן אריינגיין אין אלע הייזער, אבער למעשה זענען זיי נאר געגאנגען על ארץ מצרים און נישט אין די בתים, וואס איז געשען אז עס האט זיך געטוישט? אויך דארף מען פארשטיין אז עס שטייט וַיַּעַל הָאַרְבֶּה עַל כָּל־אֶרֶץ מִצְרַיִם אז די ארבה איז געגאנגען אויף ארץ מצרים, אויב אזוי פארוואס שטייט נאכדעם וַיָּנַח בְּכֹל גְּבוּל מִצְרָיִם זיי זענען געגאנגען אויף גבול מצרים, עס איז לכאורה די זעלבע זאך? נאך איז שווער פארוואס נאר ביי די מכה איז געווען וַיְמַהֵר פַּרְעֹה לִקְרֹא לְמֹשֶׁה וּלְאַהֲרֹן וַיֹּאמֶר חָטָאתִי און נישט ביי די אנדערע מכות? און אויך איז שווער פארוואס האט פרעה אנגערופן נאר ביי די מכה, הַמָּוֶת הַזֶּה? כדי דאס צו פארענטפערן קען מען זאגן אז אין אנפאנג האט פרעה נישט מורא געהאט פון די מכת אַרְבֶּה, ווייל אפילו משה האט געווארענט אז די אַרְבֶּה וועלן אריינגיין אין די הייזער, האט פרעה געטראכט אז מען וועט ברענגען עסן פון אינדרויסן פון מצרים, אבער דער אויבערשטער האט געמאכט א נס אז די אַרְבֶּה האבן זיך טאקע ארעפגעלאזט אויף די גרעניץ פון מצרים, וַיָּנַח בְּכֹל גְּבוּל מִצְרָיִם, און די אַרְבֶּה האבן געמאכט א צוים ביים גרעניץ און נישט אריינגעלאזט עסן פון אינדרויסן, און די אנדערע אַרְבֶּה וואס האבן זיך אראפגעלאזט אין מצרים האבן אנגעפאנגען אלעס עסן. ווען פרעה האט געזען אז די אַרְבֶּה לאזן נישט אריינברענגען עסן, און די ארבה עסן אלעס פון מצרים, האט ער שוין געזען אז ענדע וועלן די ארבה אויך אריינגיין אין די בתים וועט שוין נישט זיין קיין עסן אין מצרים, וועלן זיי זיין ארעם, און עני איז חשוב כמת, דאס מיינט הַמָּוֶת הַזֶּה, אזוי ווי דער נביא זאגט טוֹבִים הָיוּ חַלְלֵי־חֶרֶב מֵחַלְלֵי רָעָב, (איכה ד ט) וועגן דעם וַיְמַהֵר פַּרְעֹה לִקְרֹא לְמֹשֶׁה וּלְאַהֲרֹן! זענען אלע דיוקים פארענטפערט.

(בית ישראל השלם למוח"ז האדמו"ר ממאטעטערסדארף זצוק"ל)

**א חידוש לויט די פריערדיגן תורה**

וְעַתָּה שָׂא נָא חַטָּאתִי אַךְ הַפַּעַם וְהַעְתִּירוּ לַה' אֱלֹקֵיכֶם: (י' י"ז) די לשון הַעְתִּירוּ לַה' אֱלֹקֵיכֶם, שטייט נאר ביי מַכַּת אַרְבֶּה, און עס איז דא א איטרעסאנטע דיוק אז מיר טרעפן ביי צְפַרְדֵּעַ שטייט, וַיִּקְרָא פַרְעֹה לְמֹשֶׁה וּלְאַהֲרֹן וַיֹּאמֶר "הַעְתִּירוּ אֶל ה'" וְיָסֵר הַצְפַרְדְּעִים מִמֶּנִּי וּמֵעַמִּי וַאֲשַׁלְּחָה אֶת־הָעָם: (ח ד) און אויך ביי בָּרָד שטייט "הַעְתִּירוּ אֶל ה'" וְרַב מִהְיֹת קֹלֹת אֱלֹקִים וּבָרָד,(ט כח) און עס שטייט נישט ביי צְפַרְדֵּעַ און בָּרָד הַעְתִּירוּ "לַה' אֱלֹקֵיכֶם"? נאר לויט די פריערדיגן חידוש, פון זיידן אין בית ישראל, איז דאך די מַכַּת אַרְבֶּה געווען זייער א שווערע מכה פאר פרעה אז ער האט שוין געפילט ווי ער איז שוין א מת, דעריבער האט ער גענוצט א שטערקערע לשון און געזאגט מער א לשון פון הכנעה: הַעְתִּירוּ "לַה' אֱלֹקֵיכֶם". (שמח זבולון תשע"ז)

**יו"ט איז א צייט פאר די משפחה**

מִי וָמִי הַהֹלְכִים. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ נֵלֵךְ בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ בְּצֹאנֵנוּ וּבִבְקָרֵנוּ נֵלֵךְ כִּי חַג ה' לָנוּ: (י ח– ט) עס איז לכאורה זייער שווער אז פרעה פרעגט משה מִי וָמִי הַהֹלְכִים, ווער גייט מיט אייך? האט משה געדארפט ענטפערן אלע גייען, בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ נֵלֵךְ בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ בְּצֹאנֵנוּ וּבִבְקָרֵנוּ נֵלֵךְ, פארוואס דארף משה צולייגן כִּי חַג ה' לָנוּ? נאר משה האט געזאגט פאר פרעה דאס פארשטייסטו אז בְּצֹאנֵנוּ וּבִבְקָרֵנוּ נֵלֵךְ, ווערסטו דאך פרעגן פארוואס דארף מען נעמען די קליינע קינדער, זיי פארשטייען גארנישט? דעריבער זאגט משה כִּי חַג ה' לָנוּ, עס איז א יו"ט פאר אונז, און ביי יו"ט קומען זיך צוזאמען די גאנצע משפחה ממילא אויב די קינדער וועלן נישט גיין וועט דאס נישט זיין א גוטע יו"ט, דעריבער שיק זיי אויך. (אמרות כנף – מחסידי האמרי אמת מגור)

**די ארבה האבן באקומען א עלייה**

וַיֹּאמֶר ה' אֶל־מֹשֶׁה נְטֵה יָדְךָ עַל־אֶרֶץ מִצְרַיִם בָּאַרְבֶּה וְיַעַל עַל־אֶרֶץ מִצְרָיִם: וַיֵּט מֹשֶׁה אֶת־מַטֵּהוּ עַל־אֶרֶץ מִצְרַיִם וַה' נִהַג רוּחַ־קָדִים בָּאָרֶץ כָּל־הַיּוֹם הַהוּא וְכָל־הַלָּיְלָה הַבֹּקֶר הָיָה וְרוּחַ הַקָּדִים נָשָׂא אֶת־הָאַרְבֶּה: וַיַּעַל הָאַרְבֶּה עַל כָּל־אֶרֶץ מִצְרַיִם: (י' י"ב–י"ד) עס איז שווער לכאורה ווייל פון דעם וואס שטייט וְיַעַל עַל־אֶרֶץ מִצְרָיִם און וַיַּעַל הָאַרְבֶּה עַל כָּל־אֶרֶץ מִצְרַיִם מיינט דאס אז די אַרְבֶּה דארף און איז ארויף געגאנגען אויף מצרים פון אונטן אויף אויבן, און אין פסוק שטייט וַה' נִהַג רוּחַ־קָדִים און וְרוּחַ הַקָּדִים נָשָׂא אֶת־הָאַרְבֶּה, וואס דאס מיינט אז די ארבה איז געקומען פון אויבן אויף אַרָאפ אויף מצרים, אויב אזוי וואלט געדארפט שטיין וַיֵּרֶד הָאַרְבֶּה עַל כָּל־אֶרֶץ מִצְרַיִם און נישט וַיַּעַל? נאר עס שטייט אין אנפאנג פרשה, וּלְמַעַן, דורך די ארבה, תְּסַפֵּר בְּאָזְנֵי בִנְךָ וּבֶן־בִּנְךָ אֵת אֲשֶׁר הִתְעַלַּלְתִּי בְּמִצְרַיִם וְאֶת־אֹתֹתַי אֲשֶׁר־שַׂמְתִּי בָם וִידַעְתֶּם כִּי־אֲנִי ה': וואס דאס מיינט אז דורך די ארבה וועט זיין א קידוש שם שמים ברבים, און עס וועט גרויס ווערן דעם שם ה', האבן די ארבה געהאט א גרויסע עלייה, דעריבער שטייט וַיַּעַל הָאַרְבֶּה, אז זיי האבן געשטיגן אין מדריגה. (נועם אליעזר – סקולען)

**אינטרעסאנטע ידיעה פון די מכות**

דָּם, צְפַרְדֵּעַ, כִּנִּים, עָרוֹב, דֶּבֶר, שְׁחִין, בָּרָד, אַרְבֶּה, חֹשֶׁךְ, מַכַּת בְּכוֹרוֹת. דער סדר איז געווען אזוי: צוויי מכות איז געווען מיט א התראה, איינס אן א התראה. אויך א שינוי אין לשון ביי די צוויי מיט התראה: די ערשטע איז א לשון פון לֵךְ אדער הַשְׁכֵּם, די צווייטע איז געווען די לשון בֹּא. 1] דָּם, שטייט לֵךְ אֶל־פַּרְעֹה, 2] צְפַרְדֵּעַ, שטייט בֹּא אֶל־פַּרְעֹה, 3] כִּנִּים, אן א התראה, 4] עָרוֹב, שטייט הַשְׁכֵּם בַּבֹּקֶר וְהִתְיַצֵּב לִפְנֵי פַרְעֹה, 5] דֶּבֶר, שטייט בֹּא אֶל־פַּרְעֹה, 6] שְׁחִין, אן א התראה, 7] בָּרָד, שטייט הַשְׁכֵּם בַּבֹּקֶר וְהִתְיַצֵּב לִפְנֵי פַרְעֹה, 8] אַרְבֶּה, שטייט בֹּא אֶל־פַּרְעֹה, 9] חֹשֶׁךְ, אן א התראה, 10] מַכַּת בְּכוֹרוֹת, מיט א התראה.

חילוק פון בֹּא און לֵךְ

דער חילוק פון בֹּא און לֵךְ איז: לויט וואס דער בעל הטורים שרייבט וז"ל כשהיה אומר לו לָבֹא לביתו היה אומר לוֹ בֹּא, וכשהיה אוֹמר לוֹ לילך אליו המימה היה אוֹמר לוֹ לֵךְ. און דאס איז פארשטענדיג לויט וואס דער אוה"ח הק' (ט' א') איז מסביר: בֹּא איז געווען א ציווי, גיי צו די פַּאלַאץ פון פרעה, און לֵךְ איז געווען גיין צו פרעה ביי די וואסער. ממילא לויט די חז"ל (ילקוט שמעוני קע"ה) אז ביי די פאלאץ פון פרעה איז געווען א שמירה פון באפאפענטע סאלדאטן און נאכדעם לייבן און ווילדע כלבים, און עס איז געווען א פחד פאר א מענטש אריינגיין

אָן רשות, און ווען דער אויבערשטער האט געזאגט צו משה, בֹּא אֶל־פַּרְעֹה, איז געווען א נֵס אז ער איז אריין אן רשות, און עס איז געברענגט אין ספרים אז סאלדאטן זענען געווארן געליימט און די לייבן האבן באגלייט משה גלייך צו פרעה. אבער לֵךְ, איז געווען גיי צו די וואסער, און דארטן האט פרעה נישט געהאט קיין שמירה האט מען נישט געדארפט א נֵס פון שמירה, דעריבער שטייט לֵךְ אֶל־פַּרְעֹה, אדער הַשְׁכֵּם בַּבֹּקֶר וְהִתְיַצֵּב לִפְנֵי פַּרְעֹה.
נאך א חילוק פון בֹּא און לֵךְ, זאגט די ספר פַּעֲנֵחַ רָזָא (דפוס ראשון פראג שס"ז, לר' יצחק בן יהודה הלוי, מגדולי הראשונים) ווען פרעה איז געווען אין זיין פאלאץ איז די שכינה מיט געגאנגען, דעריבער שטייט בֹּא אֶל־פַּרְעֹה לאמיר גיין צוזאמען, אבער ווען פרעה איז געווען ביים ים וואס איז געווען פאר פרעה א בית הכסא (שמות רבה ט ח), איז נישט א כבוד פארן שכינה מיטצוגיין, דעריבער שטייט לֵךְ אדער הַשְׁכֵּם, גיי אליין, ע"כ. און לויטן פשט פון אוה"ח הק' איז פארשטענדיג פארוואס איז דער אויבערשטער מיטגעגאנגען מיט משה צו פרעה, כדי אים צו היטן פון די סכנה פון די היטער'ס פון פרעה. (שמח זבולון תשע"ז)

*מדור העובדות*

## אריינגעברענגט א הייליגע נשמה צו כלל ישראל

איינמאהל איז הרה"ק ר' ישראל מפיקוב (כ"ג אלול תקנ"ח) - זון פון הייליגן צדיק ר' לוי יצחק פון בארדיטשוב-, געקומען צו רבי ר' משה לייב מסאסוב זצוק"ל וואס האט איהם מקבל פנים געווען בשמחה און אזוי ווי זיי רעדן אין תורה זאגט ר' משה לייב צו ר' ישראל צווישן מיינע חסידים איז דא אסאך גוטע אידן וואס האבן קרעטשמעס און איך האב געוואלט זאלסטו זיי טרעפן. איז ר' ישראל ארויף אויפן וואגן מיט ר' משה לייב און זיי זענעןביידע געפארן. אינמיטן פָאָרן האט אנגעהויבן צו רעגענען זייער שטארק און דער וואגן האט נישט געהאט א דאך און זיי זענען געווארן דורך געווייקט. בלית ברירה זענען זיי געפארן צום א גאסט הויז פון א איד זיינעם א חסיד וואס דער איד איז צוגעלאפן צו זיי און האט געזאגט רבי קומט אריין אין מיין הויז ביז דער רעגן וועט זיך אויפהערן, און עָם עפעס.

זיי זענען ביידע אריין געגאנגען. דער בעל הבית איז געווען א ארימער איד וואס האט געארבעט אין א בראנפן פאבריק, א ארימע, קליין דירה, פון איין גרויסע צימער פאר איהם און זיין ווייב און די קינדער און אין איין ווינקל איז געווען פלאץ פאר זייער קיה. ווען די אורחים זענען אריין האט ער ארויסגענומען די קיה און האט אויסגערוימט דארט די שמוץ פאר די חשוב'ע געסט. ר' משה לייב האט זיך ארומגעדרייט אין צימער און געזאגט רבונו של עולם שטער נישט די שמחה, און ר' ישראל איז געשטאנען אין א זייט און פארשטייט נישט וואס פארא שמחה זאל נישט געשטערט ווערן! אבער ער איז נישט מהרהר א מינוט נאך זיין רבין.

זיי שטעלן זיך מנחה מעריב און נאכן דאווענען האט דער בעל הבית געברענגט עסן און נאכדעם האט דער בעל הבית זיי אנגעגרייט א פלאץ צו שלאפן. דערווייל האלט אין איין רעגענען האט דער בעה"ב אריינגעברענגט די קיה עס זאל נישט קראנק ווערן און אלע זענען געשלאפן אין איין צימער.

ר' משה לייב איז אויפגעשטאנען זייער פרי צו דאווענען און האט געזען ווי די בעלת הבית איז שוין אויף און גייט מיט א שמחה אנצוגרייטן עסן פאר די געסט. האט ער איר געפרעגט וואס גייט מען געבן צו עסן? זאגט זי: נאכן דאווענען וועסטו זען! ר' משה לייב האט אויפגעוועקט ר' ישראל און זיי האבן זיך געשטעלט דאווענען, נאכן דאווענען האבן זיי זיך געזעצט ביים טיש. זי האט געגעבן ווארעמע רייז מעל מיט מילך, ר' משה לייב האט געזאגט אז די רייז מעל איז גאר גוט און האט געזאגט ער האט נאך קיינמאל נישט טועם געווען אזא גוטע רייז מעל אז מען איז מרגיש אין דעם א טעם גן עדן, די בעלת הבית האט אויך געבעטן ר' ישראל ער זאל עסן פון די רייז מעל און מילך.

ר' משה לייב האט געפרעגט די בעלת הבית פון וואו זי האט גענומען אזא גוטע רייז מעל? האט זי געענטפערט "זי איז געגאנגען דאס בארגן ביי א גויש'ע שכן" האט ער געפרעגט צו זי איז א גוטע גויטע האט זי געענטפערט יא. האט ער געפרעגט צו איר מאן איז אויך גוט? האט זי געענטפערט "ניין: ער ווערט אסאך אין כעס און דעמאלטס אנטלויפט זי און באהאלט זיך ביי אונז. ר' משה לייב האט געפרעגט צו זי האט נאך פון די רייז מעל! האט זי געענטפערט: אז די גויטע האט נאר געהאט די ביסל רייז מעל. האט ר' משה לייב געפרעגט וואס וועט זיין ווען איר מאן וועט פרעגן וואו איז די רייז מעל, וואס וועט זי ענטפערן? האט זי געזאגט ער וועט ווערן אין כעס און ווער ווייסט!

ווען ר' משה לייב האט דאס געהערט האט ער געזאגט פאר די בעלת הבית, אז דער גוי ווען ער וועט זיך דערוויסן וואס זיין ווייב האט געטאן וועט ער זיכער ווערן אין כעס און עס וועט זיין א סכנה פאר איר לעבן, אבער איך זע אז אין זכות פון איר גוטסקייט וועט זי מצליח זיין צו אנטלויפן פון אים און זי וועט קומען צו דיר און וועט זאגן זי וויל זיך מגייר זיין! און דו זאלסט איר אננעמען באהבה און קומען צו מיר וואס שנעלער מיט די פרוי! נאכדעם ווען ער האט געענדיגט די שמועס האט ר' משה לייב זיי געדאנקט פארן הכנסת אורחים און זיי געוואונטשן מיט פיל ברכות און זענען אהיים געפארן.

יענע נאכט האט זיך אפגעשפילט אלעס וואס ר' משה לייב האט געזאגט. און דער גוי איז געווארן זייער אין כעס און זי איז אנטלאפן אינמיטן די נאכט און אנגעקומען צו דעם איד'ס הויז און געבעטן זי וויל זיך מגייר זיין! און גלייך אינמיטן נאכט זענען זיי געפארן צו ר' משה לייב. ער האט זיי מקבל פנים געווען מיט שמחה און גערעדט מיט איר. ר' משה לייב האט געזען אז זי האט א הייליגע נשמה און האט איר געשיקט אין א שטאט מיט א בריוו צום רב אז ער זאל איר מגייר זיין און זי האט א הייליגע נשמה. יענער רב האט איר מגייר געווען און זי איז געווארן א אשה כשירה און האט חתונה געהאט און האט זוכה געווען צו קינדער וואס זענען געווארן גדולי הדור. דער קדושה האט רבי ר' משה ליב געפילט אין די רייז מעל, און אויך די שמחה פון מגייר זיין א הייליגע נשמה זיע"א.


הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן

*תהלים נדפס בסלאוויטא חסר רק ד' דפים יש שער במעמדות **$13000**, תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר מצב מפואר **$8500**, אוסף של ספרים שנדפסו בשנגהי **$4000**, תשובה בכת"י פון ערבי נחל, א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים שטארקע תוכן ווינטשט אן וואר עם וועט העלפן **$22000**, א חיבור פון בעל נתיבות זיין ספר נחלת יעקב מיט הוספות, ספר כרתי ופלתי מיט חתימת הרה"ק ר' מאיר מפרימישלאן. א אוסף פון ערשטער דרוק ספרים פון רבינו יואל מסאטמאר, א בריוו פון הייליגן חכם צבי, ספר מנוחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל, ספר יער אוזן להחיד"א מיט פול הגהות א חכם דב"ש און הגאון ר' חיים סתהון, א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי* ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א בריוו פון דעם קרבן נתנאל $32000, ספר אוצר הרבנים 1000 יאר פון רבנים, ספר פנקס המוהל של החת"ם סופר, בריוו פון הרה"צ ר' ישראל ארדעסע מנהיג ברעסלאוו, אדמו"ר מקאפישטניץ ר' אברהם יהושע העשיל. מגן אברהם טריסק דפוס ראשון עם הברכה מצב מפואר $3500, מגן דוד דפוס ראשון זיטאמיר מצב נהדר $3200, ברכת דוד טאלנא דפוס זיטאמיר $1500, מענה לשון דפוס זיטאמיר, כת"י פון באבא סאלי. אוסף פון ערשטע דרוק ספרי המנחת אלעזר $3500, ספר עם חתימת הרה"ק ר' צבי הירש מרימינוב, לחם שמים מהיעבץ דפו"ר עם הגהות מהר"ם יפה, צו פארקויפן 10 מטבעות לזכרו פון חת"ם סופר פאר $4000 1 מטבע $500, ספר מלכות אדמו"ר טשערנאביל $200, רק שני עותקים, ספרי נגינה וואס האבן באלאנגט צו החזן הרה"ח ר' בן ציון שענקער ז"ל, $2000 א תהלים וואס דער משגיח הגה"צ ר' משה וואלפסון שליט"א האט אים געגעבן אלץ בחור $1000, בעקעטשע פון הייליגן טאש'ע רבי זצוק"ל $40000 כל הקודם זוכה

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת